יגיע כפיך כי תאכל
balboos
די היינטיגע וואך
צאת הכוכבים (72) נ.י.:
6:57-7:01
February 28, '11
פרשת פקודי תשע"א

קליקט דא...
און באקומט צוטריט צו
$130,000
וועכנטליכע $1,250 פאר צוויי יאר
קויפט יעצט! און גייט אריין אינעם
לעצטן באנוס ראפעל פון $1,000
FREE GIFTS
פרנסה RAFFLE
$130,000
WIN A WEEKLY CHECK OF $1250 FOR THE NEXT TWO YEARS
104 x $1,250 = $130,000
#2
Email: info@parnassaraffle.org

מיר מוטיגן צו כאפן א בליק דורכאויס די וואך אויף די דיסקוסיע בלעטער אנליין, אין הנאה האבן פון די לעבעדיגע אקטיוויטעטן און שמועסן איבער טעמעס וועלכע ווערן דערמאנט אינעם בעל-בית.
הויפט בלאט (די לינק צו איטליכע ארטיקל, ווערט אנגעגעבן אונטער יעדע ארטיקל באזונדער).

דעת בעל-בית

ליובט CITI קרעדיט קארטל

איך בין א שטענדיגע ליינער און איך בין מוראדיג צופרידן פון אייער ארבעט, א דאנק און הצלחה אויף ווייטער.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז געווען א שמועס וועגן קרעדיט קארטלעך, וועלכע ס'זענען גוט וכדומה.

איך האב יעצט געהאט נאכאמאל זייער א גוטע עקספיריענס מיט "סיטי ביזנעס" וואס האט מיר דערמאנט צו שרייבן א בריוו דערוועגן. איך האב שוין עטליכע מאל געהאט באקומען א לעיט טזשארדזש און רוב מאל האבן זיי עס גערן אראפגענומען, דאכט זיך אז זיי האבן א פאליסי אז איין מאל א יאר וועלן זיי עס אראפנעמען, פארשטייט זיך אז נאר אויב מען קאלט אריין בעטן.

בכלל זענען זיי זייער סימפאטיש, און קאמען סענס, אנדערש ווי למשל מיין עקספיריענס מיט די לאקאלע עפל באנק ברענטש, ווי זיי וועלן בשום אופן קיינמאל נישט מוחל זיין קיין טשארדזש און ביי יעדע פראבלעם דארף מען זיך אויסעסן די גאל.

איך האב אויך א Capital One קארטל, זיי זענען נישט שלעכט, אבער מיט סיטי האב איך געהאט בעסערע ערפארונג.

מוקירכם
יודא ה. מאנסי

פארקויפן אנליין

בנוגע די שאלה פון א ליינער ווי מען קען זיך לערנען צו פארקויפן אנליין (דעת בעל בית תרומה תשע"א)

פארגאנגענע וואך האט זיך געטון אין אייער אויסגאבע וועגן אונליין טערנירונג.

איך האב לעצטנס געמאכט צוויי סוקסעספולע אונליין סעמינארן ביים היימישן עולם, און איך וויל דא שרייבן וואס איך האב געזאגט איבער דעם נושא.

זיכער איז וויכטיג צו האבן די ריכטיגע פראדוקטן, און עס איז איינע פון די שווערסטע זאכן ווען מען גייט אריין אין אונליין ביזנעס. און אפילו ווען מען האט שוין די ריכטיגע אייטעם איז נישטא קיין שום גאראנטי אז עמעצן וכדומה וועט נישט האבן די זעלבע אייטעם א צוויי וואכן נאכדעם דורך אן אנדערע פארקויפער. מיר האבן אבער אסאך ארומגערעדט ביי אונזער סעמינאר איבער אנדערע סטראטעגיעס וויאזוי צו זיין "איוסשליסלעך" און וויאזוי זיך צו ספעציאליזירן אין א אינדוסטריע.

פארט מוז ארויסגעברענגט ווערן, אז דער פאקט אז מען ווייסט נאכנישט וואס מען וויל פארקויפן טאר נישט זיין קיין אפהאלט זיך אויסצולערנען "וויאזוי" צו פארקויפן אונליין, עס איז דא אזויפיל וויכטיגע זאכן זיך צו לערנען דערוועגן, וו.צ.ב.ש. וויאזוי צו נעמען בילדער פון אייטעמס, שרייבן דיסקריפּציעס, פאוסטן די אייטעמס, שיפינג און ריסיווינג, קאסטומער סערוויס, טרעקינג אינפא, און נאך און נאך.... עס איז וויכטיג דאס אלעס זיך צו לערנען גלייך ווען מען באשלוסט אביסל אריינצוגיין אין די אונליין ביזנעס, אזוי אז איינמאל מען ווייסט שוין וואס מען וויל פארקויפן קען מען בעזה"י גלייך זיך נעמען צו די עבודה.

אויב מען ווייסט נישט וויאזוי צו פארקויפן וועט עס קיינער נישט קויפן, און אויב מען איז נישט קיין עקספערט אינעם פעלד, וועט מען קיינמאל נישט פארשטיין וואס עס מיינט א גוטע דיעל.

די אונטערשטע שורה איז, אויב קוקט איר ארויס פאר סוקסעס, פארוואס זאל "יעצט" נישט זיין די צייט צו "סנעף-עהעד"ן אין אייער לעבן? טוט למעשה!

אלעזר לאנדא
snapahead.com

לויט מיין עקספיריענס פון פארקויפן אנליין (שוין באלד 2 יאר) טו איך אויך אגריע 100% אז מען מיז קוידם האבן א סאורט דערנאך קען מען פארקויפן

אבער ס'איז דא נאך אין וויכטיגע הערה אז אפילו מיט א גוטע סארט דארף מען קודם האבן אסאך סטאבילע אינוועטארי צו קענען ארויסנעמען עפעס געלט פון פארקויפן אנליין דארף מען האבן כאטשיג 200 אייטעמס צו קענען אויך קאווערן די אפיס עקספּענסעס וכדו' דאס וואס איינער שרייבט אז סתם האלסעלערס זענען נישט גיט איז 100% נישט גערעכט איך פלעג אויך אמאל זוכן גליקן פון CLOSEOUTS וכדו, אבער קודם סאיז נישט קיין סאליד סטעביל ביזנעס ווען מ'ארבעט אויף דעם וועג (יא נאכדעם וואס די ביזט שוין אויפגעסעט מיט א געהעריגע אינוועטארי אפילו נישט די בעסטע פרייזן דעמאלט'ס גייט מען שוין זוכן בעסער געזאגט מ'טרעפט שוין אליינס דא און דארטן א גוטע דיעל פון די סטעבל קענאקשענס וואס מ'האט- יא כמעט יעדע האלסעילער האט כאטשיג איינמאל א יאר קלאוזאוטס וכדו') נאכדעם קענסטו נישט טרעפן צופיל אייטעמס פאר קלאזאוטס אז זאלסט קענען מאכן געלט אפילו זאלסט ארויפלייגן 500 % מארקאפ

נאכדעם איז דא נאך א באזונדערע סוגיא וואס דאס איז וואספארא קאטעגאריע נישט צו פארקויפן אנליין יעדע קאטאגאריע האט זיך זיינע מעלות און זיינע חסרונות איך גיי נישט יעצט אריינגיין דערין ווייל סיאיז א סוגיא עמוקה און מיין צייט ערלויבט עס נישט

(-)

איך האב געזען אויף אייער אונליין פלאטפארמע, ווי איינער רעקאמענדירט צו מאכן געלט אונליין דורך "גוגל עדסענס" און ער צייכנט אן אז ער האט א חבר וואס מאכט 600 דאלער א חודש דערפון.

אלץ א אפגעבריטער וויל איך קלאר מסביר זיין פון וואס די רעדע איז.

גוגל'ס הויפט איינקופט וואס מאכט זיי פאר א מאלטי מיליאן דאלערדיגע קאמפאני איז די אדווערטייזמענס, גוגל לייגט ארויף רעלעוואנטע עדס אויף פארשידענע פלעצער, אויף די הויפט גוגל זוך בלאט, געוואנדן וואס מען האט געזוכט, אויף זייער דזשימעיל אקאונטס, געוואנדן אין די ווערטער וואס שטייט אין די אימעיל, און אויף סייטס, געוואנדן אינעם נושא פון וואס די סייט באשטייטס.

די אדווערטייזערס צאלן געלט פאר יעדן קליק וואס א פריוואטע מענטש קליקט אויפן עד. און א פראצענט פון די געלט גייט אראפ פאר די בעלי בתים פון וועבזייטלעך וואס זיי לאזן גוגל ארויפלייגן די עד'ס אויף זייערע וועבסייטס. דער פראגרעם הייסט "עדסענס".

יעדער וואס עפנט א וועבזייטל "איז זיכער" אז ער גייט האבן טויזנטער וויזיטארס א חודש. און ער איז זייער פריילך ארויפצולייגן די גוגל עד'ס, כאטש עס מאכט די וועבזייטל אויסזען ביליג, ווייל ער איז זיכער אז עס גייען זיין טויזנטער קליקס, פון זיינע טויזנטער וויזיטארס.

עס איז אבער ווייט פון דעם. די שטודיעס ווייזן אז גאר א קליינע פראצענט מענטשן קליקן אויף עדס, איבערהויפט היינט ווען עס איז שוין קיין סוד אז מיט יעדן קליק איז דא איינער וואס מאכט געלט, וועלן א גרויסע פראצענט מענטשן נישט קליקן לכתחלה אויף עדס, אז אנדערע זאלן מאכן געלט דורך אים...

די רעדע איז צווישן 4 און 10 פראצענט וואס קליקן אויף עדס. און פון א דורכשניטליכע קליק צאלט גוגל פארן בעל הוועבסייט א נישטיגע 10 צענט. (עס זענען דא געוויסע עדס וואס זיי צאלן מער, מערסטנס א דאלער, אבער זייער זעלטן).

לויט דעם ווען איינער זאגט אז ער מאכט 600 דאלער א חודש פון גוגל עדסענס, דאס מיינט 6000 מאל צען צענט, 6000 קליקס. - פארשטייט זיך בערך.

אויב 6000 מענטשן זענען - לאמיר זאגן - 5 פראצענט פון זיינע וויזיטארס, מוז ער האבן לויט דעם בערך א האלב מיליאן וויזיטארס א חודש!

צו שאפן א האלב מיליאן וויזיטארס א חודש פאר א וועבסייט מוז מען ארבעטן "גאר גאר" שווער, יעדער וואס קען זיך נאר אויס אביסל אין אונליין מארקעטינג וועט דאס פארשטיין.

אויב די סייט פארקויפט עפעס, און מען רעדט פון א נישטיגע פראצענט אינקאם וואס קומט אריין פון גוגל עדסענס, קען מען עס נאך פארשטיין. אבער צו זאגן אז "מען מאכט געלט פון גוגל עדסענס" קומט פון אומוויסנקייט. חוץ אויב מען באקומט 1 דאלער א שעה פאר ביטערע שווערע ארבעט.

און איך ווייס אז מענטשן וועלן טראכטן אז "מה כל הרעש? מען הייסט מענטשן קליקן און מען מאכט געלט?", ביי גוגל עדסענס איז אבער נישט מעגליך אזאנס צו טון, זייערע פראגרעם כאפט באלד אויף אויב צופיל קליקס קומען פון די זעלבע געגנט, וכדומה. עס איז נישט מעגליך עס איבערצוקליגן.

וילמדו תועים בינה. צו פארדינען געלט דארף מען ארבעטן.

יעקב ח. - בארא פארק

רעדאקציע: מיר ווילן אנמערקן אויף נאך עטליכע אינטערעסאנטע שמועסן וואס זענען פארגעקומען אנליין, נאר מיר קענען נישט אלעס אראפברענגען.

אט זענען עטליכע לינקס.

אין רעאקציע צו ארטיקל "טייערע פעטער": ווי אזוי צו פארדינען מער געלט און אנהאלטן שטאטיש פראגראמען אויף א לעגאלע וועג
http://goo.gl/kgBNq

דיסקוסיע: קען מען מאכן געלט פון עד סענס
http://goo.gl/rAvat

א אוצר: פון נוצליכע עקסעל טיפס
http://goo.gl/fWJEa

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוו צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא

INTRODUCING
THE PRESTIGE,
A NEW HOUSING
DEVELOPMENT
IN MONSEY.
Click Here
The PRESTIGE
SPACE TO LIVE, FREEDOM TO ENJOY.

יוחנן שיף

זייט געווארענט: אינספּעקטארס פארסירן געזעץ פון אנצייכענען פרייז אויף פראדוקטן

אין די לעצטערע יארן זינט רוב געשעפטן זענען אריבער צו די קאמפּיוטער טשעק אוט און סקענער סיסטעם איז כמעט ווי פארגעסן געווארן די זאך פון לייגן פרייז לעבלס אויף פראדוקטן.

קאסטומערס זענען קיינמאל נישט צופרידן געווען דערפון, מען גלייכט אלץ צו זען א פרייז פאר מען הייבט אפילו אן צו טראכטן פון קויפן, אבער געשעפט אייגענטומער האבן עס געזען ווי א איבעריגע הוצאה פון צייט און געלט.

וואס מאנכע ווייסן אבער נישט איז אז די געזעץ פארלאנגט אויסדריקליך אז יעדע פראדוקט וואס ווערט פארקויפט באזונדער אין א ריטעיל געשעפט דארף באצייכנט ווערן מיט א פרייז, צו דורך ארויפשטעלן א פרייז דירעקט אויף די פראדוקט, אדער אויף די פאליציע דערנעבן.

לעצטענס האבן זיך אינספּעקטארס אראפגעלאזט אין די וויליאמסבורג געגענט און געטיילט געלט שטראפן פאר פיל געשעפט אייגענטומער וואס האבן פארנאכלעסיגט די געזעץ. א געשעפט אייגענטומער האט איבערגעגעבן פאר די בעל בית אז דער אינספעקטאר האט ארויסגעוויזן פארשטענדעניש אז ער איז נישט געווען באוויסטזיניג דערצו, אבער אינטערגעשטראכן אז עס איז נישט קיין תירוץ. געוויינליך קומען זיי צוריק א צייט שפּעטער צו זען אויב עס איז פאררעכטן געווארן. די געלט שטראפן זענען העכער דעם צווייטן מאל.

די געזעץ גייט אן אין ניו יארק סיטי, און פארמאגט עטליכע אויסנאמען. בשעת'ן גיין צום דריק האבן מיר נישט עספּיעט מברר צו זיין צו די געזעץ גייט אן אין אנדערע מקומות. ליינער וואס האבן אינפארמאציע דערוועגן זאלן זיך ביטע לאזן הערן אין די קאמענטארן.

אט איז א דירעקטע לינק צו די לשון פון געזעץ
http://goo.gl/RyHk8

ס'איז צייט אראפצונעמען די לעבל גאנס פון בוידעם.

גרויסע עפל נייעס קומט מערץ 2

March
2
Come see what 2011 will be the year of.

די סודות'פולע איינלאדענונג

עפל האט ארויסגעשיקט איינלאדענונגען צו רעפארטערס ווי זיי מעלדן איבער א קאנפערענץ די קומענדיגע מיטוואך, מערץ 2. ווי זייער שטייגער צו האלטן אלעס פאר א געהיימניס ביז די לעצטע מינוט, שרייבן זיי נישט וואספארא נייעס עס וועט געמאלדן ווערן.

פון די בילד אויף די איינלאדענונג איז אבער משמע אז עס וועט געמאלדן ווערן די צווייטע ווערסיע פון די אייפעד. אין די טעכנאלאגיע און ביזנעס וועלט קען מען שוין קוים ווארטן צו זען וואס עפל וועט יעצט ברענגען צום טיש. עס איז זייער א גרויסע טשאלענדזש פאר עפל, וויבאלד לעצטנס זענען ארויסגעקומען עטליכע אנדרואיד טעבלעטס מיט זייער פארגעשריטענע פראסעסארס און פיטשערס, אזוי אז עס איז כמעט נישט געבליבן קיין פלאץ פאר עפל ווי אזוי זיי איבערצושטייגן.

עפל האט אלץ באוויזן צו זיין א פארגייער און נישט קיין נאכשלעפער, וועט עס בלייבן ווייטער אזוי? ימים ידברו. מיר וועלן אי"ה ברענגען א פולע באריכט דערוועגן קומענדיגע וואך.

טהאנדערבאלט: אלטערנאטיוו צו יו עס בי פון אינטעל און עפל

ווער ווייסט דען נישט וואס א יו עס בי קעיבל (USB) איז? יו עס בי ווערסיע 2 טראנספּארטירט דאטא (אין טעאריע) מיט די שנעלקייט פון 480 מעגא ביטס פער סעקונדע (ביטס נישט בייטס). ווערסיע 2 איז שוין אין באנוץ איבער 10 יאר, און עס ווייזט שוין לאנג סימנים פון זקנה. דאך איז עס נאך אלץ זייער פאפולער און קיין שטעלפארטרעטער איז דערווייל נאך נישטא.

הגם עס איז שוין עטליכע יאר וואס עס איז ארויסגעקומען א נייערע ווערסיע, נעמליך יו עס בי 3, וואס קען טראנספּארטירן דאטא מיט די שנעלקייט פון 5 גיגא ביטס פער סעקונדע, דאך האט עס געהאט גאר א קנאפע הצלחה, הויפטזעכליך צוליב דעם וואס אינטעל שטיצט עס נישט, נאר געארבעט אויף א אייגענע טעכנאלאגיע צוזאמען מיט עפל מיט די נאמען Light Peak.



טאנדערבאלט אקעגן אנדערע טעכנאלאגיעס

די וואך האט עפל ענדליך ארויסגעגעבן א נייע מעק בוק פרא, מיט די טעכנאלאגיע, עפל האט עס קורא שם געווען Thunderbolt (בליץ), עס קען באהעפטן מיט א שנעלקייט פון 10 גיגא ביטס-דאפעלט פון יו עס בי 3.

עס ווערט ערווארטעט אז די טעכנאלאגיע וועט זיך יעצט אנהייבן אויסצושפרייטן אין די אלגעמיינע מארקעט אויך.

דיסקוסירט אנליין

Click Here
OtzarStock BETA
Stock Photos
Hebrew Fonts
The Only Source for Jewish Graphic Designers
Hebron
Girls in a playground
Jerusalem view
Donuts
Mountain landscape
Yeshiva hall

פרעג דעם עקספערט

פאנעל

מיט גרויס פרייד שטעלן מיר פאר אונזער נייע קאלום "פרעג דעם עקספערט". פון היינט און ווייטער וועט איר קענען אריינשיקן שאלות געווענדן צו איינע פון די פאלגענדע עקספערטן,

ר' משה דוד ברייער
Atorny at Law

ר' יואל קליין
Imediate Marketing

ר' יוסף חיים קויפמאן
Kafman Tax and Accounting

ר' שרגא שמילאוויטש
Microdivision -Yiddishtech

די שאלות וועלן געענטפערט ווערן אויף די זייטן פון די בעל בית.

שאלות זאלן געשיקט ווערן בלויז צו ask@balboos.com

ביטע שרייבט ארויס אייער שאלה די קלארסטע וואס מעגליך, קארגט נישט קיין ווערטער, שרייבט צו וועם די שאלה איז געווענדן, און ברענגט ארויס אלע אייערע ספקות. שאלות וואס ווערן געשריבן אומקלאר אדער מיט פעלערדיגע אינפארמאציע וועט איגנארירט ווערן.

מיר ארבעטן צו פארברייטערן אונזער עקספערטן פאנעל, אויב איר שפירט אז איר זענט קוואליפיצירט צו ענטפערן אויף סיי וואספארא נושא און קען מעגליך זיין אינטערעסאנט פארן ציבור, און דערביי ארויסצוהעלפן טויזנטער אידן ביטע שרייבט אונז צו mail@balboos.com

מיר האפן אז איר וועט הנאה האבן פון די נייע קאלום.

די פארוואלטונג

שאלה:

לוינט זיך נאך היינט פינאנציעל צו זיין א פראגראמער?

ווי לאנג געדויערט צו ווערן אן ערפארענער פראגראמער?

וועלכע שפראך איז די בעסטע זיך צו לערנען?

(-)

תשובה:

1) סאפטווער טעכנאלאגיע איז פון די גאר גוט גייענדע מארקעטס אפילו אין די היינטיגע עקאנאמישע מצב. נישט יעדער מאכט מיליאנען, אבער א געווענליך פראגראמירער קען מאכן שיין פרנסה פון דעם.

2) פראגראמירן איז א טייל פון סאפטווער דעוועלאפמענט, צו ווערן א פראהעלטנסמעסיגער גוטער פראגראמירער געדויערט בערך דריי יאר, און עקספערט פינף ביז זיבן יאר, א סאפטוועיר ארכיטעקט צען יאר.

3) ס'איז נישט קיין גרויסע חילוק וועלכע שפראך די חילוק איז פלאטפארמע אויף וואס מען פראגראמירט, מען קען שרייבן סאפטוועיר וואס לויפט אויף ווינדאוס, מ'קען שרייבן סאפטוועיר פאר די אינטערנעט, און פאר מאביל דיוויסעס. כ'האלט איז אינטערנעט און מאביל פראגראמינג האט די מערסטע צוקונפט, צו שרייבן פאר די וועב זאל מען זיך צום ערשט לערנען HTML, CSS, Javascript, אז מען קען דאס, האט מען שוין א פארטיגע פרנסה בעזהשי"ת. נאכדעם וועט מען שוין אליינס זען וואס ס'אלס דא צו קענען מער.

שרגא שמילאוויטש
Microdivision - Yiddishtech

דיסקוסירט אנליין

balboos
יגיע כפיך כי תאכל
אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטעל
- ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.
- ספעציעל אויסגעארבעטע פארן ביזנעסמאן אנצוהייבן די וואך מיט זאכליכע תוכן און ענינים אין דירעקט נוגע.
- רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.
טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
718-775-3018
or mail to: mail@balboos.com
Introductory rate sheet

ביזנעס מיט חכמה

וועלכער איז דער ריכטיגער וועג?

דורך: יואל קליין | אימידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

נישט אלעמאל איז גיין פאראויס דער ריכטיגער וועג. אמאל מוז מען גוט אריינטראכטן אויב מען קומט ערגעץ אן אזוי. טראכטס פון א מענטש וואס שפאצירט זיך אליינס אויף א שיינעם וועג, און ער האט זייער הנאה פון די הערליכע נפלאות הבורא ארום אים. פלוצלינג, נאכן גיין פאר א שטיק צייט, באמערקט ער אז ער האט געבלאנזשעט און ער ווייסט נישט ווי אזוי צו ממשיך זיין. ער האט ווייטער שפאצירט, נערוועזערהייט, ביז ער האט זיך א כאפ געטוהן, "איך האב דא צוויי ברירות פאר מיר. איך קען אדער ווייטער גיין אדער זיך צוריקדרייען. אבער ווי אזוי ווייס איך אז גיין פאראויס איז דער גוטער וועג? אפשר וואלט דער מענטש זיך געדארפט צוריקדרייען כדי צו אנקומען אינדרויסן?

נישט אלעמאל מיינט גיין פאראויס גיין גוט. אמאל שלעפט דאס אריין אין מער פראבלעמען, מער חובות, און מער עגמת נפש. און דאך זענען דא אזויפיל ביזנעסלייט וואס טוהן פונקט דאס: זיי שלעפן זיך ווייטער, שוויצן זיך אויס, אבער זעהן נישט דעם ישועה. עס איז צייט פאר יעדעם צו איינזעהן דעם העכסט- וויכטיגן כלל- גיין פאראויס איז נישט אלעמאל דער וועג צו דעם ציל.

דעם ענין דערמאנט פון א באקאנטער, וויצליכער מעשה וואס לוינט זיך צו הערן: א פרישער יונגערמאן האט אמאל געזאגט פאר זיין בני בית אז עס גליסט זיך אים זייער צו עסן דעם לינזן זופ וואס זיין מאמע פלעגט אים אלעמאל קאכן. זי האט אים אודאי געוואלט צופרידנשטעלן און זי האט גלייך אויפגעקאכט א גרויסן טאפ פון דעם זופ. דער מאן האט טועם געווען דערפון, און כאטש עס איז געווען גאר גוט האט ער מודה געווען אז דאס איז נישט פונקט ווי זיין מאמע פלעגט קאכן. זיין בני בית, זייענדיג אן אשת חיל, האט נישט אויפגעגעבן און זי איז געגאנגען ביז דעם אנדערן עק שטאט דעם נעקסטן אינדערפרי צו קויפן פרישע לינזן פון א ספעציעלער באנדל געשעפט. זי האט געזאגט א הייסער תפילה, אויפגעקאכט א נייעם זופ, און געווארט צו הערן איר מאן'ס צופרידענער רעאקציע.

יענעם נאכט, האט דער מאן ווידעראמאל פארזוכט דעם פרישן זופ, און ער האט ווידעראמאל מודה געווען, "די זופ איז זייער פיין און גוט, אבער עס איז דאך נישט ווי מיין מאמע'ס."

דעם נעקסטן טאג, האט זיין אשת חיל נאכאמאל צוגעשטעלט א פרישער טאפ זופ מיט ספעציעלע תבלינים און זי האט זיך געלאזט אין וועג מיט א באס צו א ווייטע שטאט, האפנדיג דארט צו טרעפן דעם בעסטן לינזן אין דער וועלט. די וועג האט גענומען גאר לאנג, לענגער ווי זי האט זיך גערעכנט, און די זופ אויפן פלאם האט אנגעהויבן צו צוברענען. ווען איר מאן איז אהיימגעקומען און געזעהן א טאפ פון זופ אויפן גאז, האט ער אנגעפילט א טעלער און זיך געזעצט עסן. ווי נאר ער האט פארזוכט דעם ערשטן לעפל, איז ער אויפגעשפרינגען מיט שמחה- דאס איז ענדליך געווען די טעם פון די זופ וואס זיין מאמע פלעגט יעדע נאכט מאכן!

ווען א מענטש וויל נאר נאכטוהן "וואס מיין מאמע האט געקאכט יעדע נאכט" און ער וויל נישט פרובירן נייע וועגן, אפלאזן אלטע געוואוינהייטן, זעהט ער אויס ווי דער יונגערמאן וואס האט נאר ליב געהאט פארברענטע זופ ווייל דאס איז פונקט ווי זיין מאמע פלעגט קאכן. יונגערמאן טייערער, עפן דיינע אויגן און זעה איין וויפיל אנדערע, בעסערע טעמים עס זענען פאראן טראצדעם וואס זיי זענען נישט פונקט ווי איר זענט צוגעוואוינט.

יואל קליין איז א בארימטע היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, מיט איבער 10 יאר עקספּיריענס.
צו פרעגן א שאלה פון יואל, שיקט צו ask@askjoelk.com

דיסקוסירט אנליין

דיסקוסירט אנליין

עצה טובה

א סאך מענטשן ווייסן נישט אז ווארד האט אויך
א מעגליכקייט צו סארטירן א ליסטע לויט די אלף
בית אזוי ווי עקסעל.
סעלעקט אלע ווערטער און קליק
אויף די Sort סימבאל (זע בילד).
עס איז אויך דא ביי ווארד פארשידענע מער
פארגעשריטענע אפציעס.
אלעזר לאנדא



בעל-בית
מנחה מאפע
שיקט אריין צייט, אדרעס און אנדערע פרטים צו
mail@balboos.com

בעסטע אינוועסמענט!
שיקט יעצט אייער סעקרעטערי צו א גראפיק קורס און שפארט אייך טויזנטער און די צוקונפט.
718 578 0530

אדווערטייזען?
מיר האבן קאנטאקט מיט **אלע** היימישע אויסגאבעס און פובליקאציעס.
בעסטע פרייזן!!
347 300 9722

Limited time offer
Your AD here for just $45!
ask for details
mail@balboos.com

ABC
check printing
new number
Tel: 718-880-5594
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

ביזנעס קריעטיוויטעט

ה. פוקס

לעצטנס הערשט א שוואונג פון ראפלער. אין א שוואכע עקאנאמיע גלייכן מענטשן צו נוצן זייער מעשר געלט פאר צדקה צוועקן וואס מען קען געווינען פירותיהם בעולם הזה. און דאס איז די סיבה פארוואס די אינדוסטריע האט זיך לעצטנס אביסל געהויבן דעם קאפ.

פרנסה
RAFFLE
$130,000
WIN A WEEKLY CHECK OF $1250 FOR THE NEXT TWO YEARS
104 x $1,250 = $130,000
#2

זעהנדיג די פרנסה ראפעל עד האט דאס מיר געברענגט זיך צו דערגרינטעווען אביסל אין דעם נושא. נישט אלע ראפלער, איבערהויפט די ראפלער מיט א געווינס פון מעגא ריזיגע סכומים, זענען מצליח צו מאכן זייער ראפעל מער ווי איינמאל. אז מען האט גענוצט קאפ און מח די ערשטע מאל, אז אלעס האט געקלאפט מיט א חשבון די ערשטע מאל, גייט עס שוין פיל גרינגער דאס צווייטע מאל.

דערזעהנדיג די פרנסה ראפעל צום צווייטן מאל, האט דאס ביי מיר געצויגן שטארק אויפמערקזאמקייט, אזש ביזן זיך דערגרינטעווען צום מאנסי טרעילס אפיס אין שיכון סקווירא, ווי דער געווינער פונעם ערשטן ראפעל, ר' יעקב יוסף לונגער, באשטעטיגט אז יעדע וואך, זינט זיין געווינס פונעם פרנסה ראפעל, קומט אים אן א טשעק פון 1250 דאלער אויף די פאסט.

ער ערקלערט: עס איז נישט אז דו באקומסט 50 טויזנט דאלער און עס ווערט פארשוואונדן נאך אפאר וואכן, די רעיון איז א גאניאלער, דער גאנצער דאגת הפרנסה איז מער וויניגער פארלאשן -פארשטייט זיך בעזרת השם יתברך -פאר א משך פון צוויי יאר! עס איז א ראיגקייט וואס איך וואונטש פאר גאנץ כלל ישראל. א וועכנטליכע 1250 טשעק, אבער יעדע וואך!

ר' משה טייטלבוים, א ענערגישע באבובער אינגערמאן וואס שטייט אונטער דעם פרנסה ראפעל, האט מיר אביסל בעסער געגעבן צו ערקלערן זיין אויפטרעף: די אבאמא קאמפיין האט אריינגעברענגט א נייע גדעאנק אין מארקעטינג, אנשטאט בעטן גרויסע נדבות, האט מען געבעטן נישט מער ווי א פינוועור, א סכום וואס יעדע בירגער קען זיך ערלויבן. דאס האט געברענגט אז זיי האבן למעשה צוזאמענגעקליבן פיל מער ווי אנדערע פרעזידענט קאמפיין'ס ביז דאן.

אין אנדערע ווערטער: פארלאנג פון מענטשן דאס מינימום, און קום אן צו דאפעלט מענטשן. דאס איז געווען די סוד פון די מיליאנען וועלכע זענען אריינעפלאסן אן אויפהער אין די קאמפיין קאסע.

מיר אין פרנסה ראפעל, ערקלערט ער, זענען געגאנגען מיט דעם מהלך, 36 דאלער פאר א געווינס פון 130 טויזנט דאלער איז טאקע איבערגעטריבן און צו ביליג, די נארמאלע פרייז לויט די היינטיגע סטאנדארטן איז מינימום א דאלער פער יעדע צווי טויזנט דאלער געווינס. אבער לכבוד דעם האבן מיר עררייכט פיל מער מענטשן, מיר האבן אינוועסטירט שווערע כוחות צו אנקומען צו יעדן יחיד, און זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט. וואס דאס האט אונז ערלויבט צו קענען מצליח זיין מיטן ערשטן ראפעל, און דער יעצטיגער ראפעל איז שוין פולשטענדיג מצליח ב"ה, פיל שנעלער ווי דער ערשטער, און לויפט שוין אפ אין פיר וואכן ארום ביים זמן הגורל: דאנערשאג פרשת תזריע.

ר' יואל לעבאוויטש ציט ארויס די גליקליכע געווינער ביי די פארגאנגענע פרנסה ראפעל

דיסקוסירט אנליין

מיד ביי די ארבעט?
שלאגט אפ מאטערניש און מידקייט, שעפט אייך אן מיט פרישע נאטורליכע כוחות. Zahler® B12 Energizer+™ וועט אייך העלפן אריין בלאזן ענערגיע אינעם קערפער פונדאסניי.
א שאד זיך צו מוטשען, גיבט אריין א חיות אין א איד!
advanced nutrition by ZAHLER
Feel Better, Everyday
NATURAL CHERRY FLAVOR
NATURAL BERRY FLAVOR
PICK ME UP
120 LOZENGES

א בליק אויף

Google Cloud Connect for Microsoft Office

יוחנן שיף

מיר האבן שוין באריכטעט מיט א צייט צוריק (נייעס מקץ תשע"א) איבער די פלאג-אין פאר מייקראסאפט אפיס וואס גוגל גרייט זיך ארויסצוגעבן. עס ברענגט פארשידענע פיטשערס פון גוגל דאקס צו מייקראסאפט אפיס, ווי בעקאפ, שערינג, און auto save. עס סופארט ווארד, עקסעל און פאוער פאוינט.

ליינט מער דערוועגן אין בעל בית מקץ תשע"א.

גוגל האט געהאלטן ווארט, די וואך איז עס געווארן אוועליבעל פאר די פובליק. אונטער א נייע נאמען "קלאוד קאנעקט". עס איז א פרייע דאונלאעד און סופארט אפיס ווערסיעס פון 2003 און העכער.

לינק צו דאונלאדען
http://tools.google.com/dlpage/cloudconnect

אויפן אויבערפלאך קוקט עס אויס צו זיין גאנץ א גוטע פראדוקט. אט איז א קורצע ווידעאו פון גוגל וואס ברענגט ארויס די מעלות און מעגליכקייטן פון "קלאוד קאנעקט".

ווי ערווארטעט, איז מייקראסאפט נישט איבעריג פריילעך און אפילו נישט צופיל באאיינדרוקט דערפון. זיי זעען עס ווי א פרואוו פון גוגל צו צוביסליך אריינשניידן אין די מייקראסאפט אפיס מארקעט. אין א סטעיטמענט צו די וואל סטריט זשורנאל האט מייקראסאפט געזאגט,

"מיר האבן טאקע הנאה צו זען ווי גוגל איז באוויסטזיניג צו די געוואלדיגע גרויסע קאנסומער באניץ פון מייקראסאפט אפיס וואס ווערט גענוצט דורך איבער 750 מיליאן מענטשן, פארט גלייבן מיר אז "קלאוד קאנעקט" איז נישט גענוג גוט און קומט נישט נאך די געברויך".

מייקראסאפט איז נישט געבליבן ביי דעם, נאר ארויסגעקומען מיט א ווידעאו וואס ערקלערט באריכות עטליכע ערנסטע פראבלעמען מיט "קלאוד קאנעקט". אט איז א לינק דערצו, זייט אליין מחליט למי החותמת ולמי הפסולים.



"Google Cloud Connect is a free plugin that ~~improves~~ May hinder Microsoft Office 2003, 2007 and 2010 on Windows PCs."
-Shan Sinha, Google Apps Product Manager
http://googledocs.blogspot.com/2011/02/google-cloud-connect-for-microsoft.html

מייקראסאפט חוזק'ט אפ פון גוגל

די איראניע איז אז מייקראסאפט אליין שטעלט נישט צו קיין ריכטיגע אלטערנעטיוו פאר עלטערע ווערסיעס פון אפיס, און אנשטאט מכיר טובה זיין גוגל פאר לכל הפחות פרובירן ארויסצוהעלפן די אפיס באניצער טוען זיי נאך זיי ארונטעררייסן.

בלויז אין אפיס 2010 איז יא דא א ענליכע אפציע. איר קענט עס נוצן דורך גיין צו File, Save and Send, Save to Web. מען ברויך האבן א ווינדאוס לייוו אקאונט און סעלעקטן א סקיי דרייוו פאלדער.

אגב: עס איז דא נאך א פרייע פלאג-אין פאר מייקראסאפט אפיס וואס טוט מער ווייניגער די זעלבע זאך ווי גוגל'ס, עס הייסט "אפיס-סינק" מענטשן זענען שטארק צופרידן דערפון, אט איז א לינק
offisync.com

אויב האט איר עקספיריענס דערמיט, ביטע לאזט הערן אייער מיינונג אין די קאמענטארן.

דיסקוסירט אנליין

Job In.
Worry Out.
Step into Brooklyn's coolest, user-friendly digital full service printing house, and get your job done the right way – the PrintOut way.
Printout
Print technology in action
829 BEDFORD AVE
BROOKLYN, NY 11205
718.855.4040
jobs@printoutcopy.com

אידיש געלט
צוגעשטעלט דורך
קרן עזר

געלט איז טייער, מען דארף דאס גוט היטן - ד'

אויסצוגן פון דרשה פון הר"ר מנחם הארטמאן הי"ו ביי א "קרן עזר" צוזאמקום.

אלגעמיינע 'תירוצים' פון מענטשן פאר'ן נישט וועלן אוועקלייגן געלט

איך וויל נאר ארויסברענגען עטליכע תירוצים וואס מענטשן ענטפערן, וואס דאס האב איך געהערט אין לויף פון די יארן וואס איך בין אין די ביזנעס. די ערשטע תירוץ איז: איך האב בטחון! דער אייבערשטער וועט מיר העלפן, אז אלעס וועט זיין מסודר.

הגם, א מענטש דארף צו האבן בטחון, און בטחון איז נישט קיין אומריכטיגע ענטפער; אבער פון די אנדערע זייט לאמיר כאפן א בליק און זען וויפיל מענטשן נעמען פארשידענע טובות הנאה (וד"ל). מיר ווייסן אלע אז "מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה". האסט בטחון? לאמיר זען - שטעל דיך ארויס אויף די גאס, טוה דיין ארבייט, און ס'וועט אנקומען, אבער דערווייל טוט מען אלע מיני געדרייעכץ. דאס איז איין זאך. לאמיר זען וואס ס'וועט זיין ווען דיין קאמפּאטישן וועט עפענען א געשעפט די אנדערע זייט גאס. וועסטו שלאפן רואיג אדער פרובירען יענעם אונטערצוברענגען כדי ער זאל נישט צוכאפן דיין פרנסה? וואס איז געשען? האסט דאך בטחון?

בטחון איז א גוטע תירוץ צו זיין פויל און "קעירלעס" [אומ'אחריות'דיג] ווי מען זאגט. אויב א מענטש איז באמת א בעל-בטחון, איז א צווייטע מעשה; אבער יעדער מענטש זאל זיך באמת אנקוקן ביי זיך, צי ווען ס'קומט צו אנדערע זמנים, ווען ס'איז נישט פארמישט פּוילקייט דערין, צי ס'איז דא בטחון.

מענטשן ענטפערן: פארוואס דארף איך סעיוון געלט? ס'וועט דאך קומען א צייט וואס איך וועל דאך זיין אזא מיליאנער, און ס'וועט אלעס קלאפן. לאמיר זיך מתבונן זיין: וויפיל מענטשן אין דעם ציבור זענען מיליאנערן? וויפיל פראצענט פון וויליאמסבורג זענען בכלל "בעלעבאטישע אידן?", און וויפיל פראצענט דערפון זענען מיליאנערן? - מען קען האבן א "כח הדמיון", און פון א כח הדמיון קומט מען נישט אין ערגיץ אן. אונזער דזשאב איז צו "פעיס ריעליטי", און וויסן במציאות, אז רוב מענטשן - ספעציעל מענטשן וואס זענען אין א געוויסע דזשאב - אז ער האט א דזשאב, און ער האט א געוויסער סומע וויפיל זיינע ווערדשעס וועלן וואקסן, און דאס איז עס; ס'איז נישטא קיין סאך מער פון דעם.

מענטשן ענטפערן, וואס דארף איך סעיוון געלט - ערשט לעבט מען פאר היינט, און פארוואס זארג איך מיך אויף מארגן? דער אמת איז, אז ער איז גערעכט, מען דארף טאקע לעבן פאר היינט. אבער מיר רעדן נישט פון "אוועקגעבן ברויט און פוטער". מיר רעדן פון פארשידענע זאכן וואס א מענטש קען זיך ווען אוועקסעיוון, ווי איך וועל אויסרעכענען שפעטער אי"ה.

יעדע זאך וואס א מענטש געט זיך נאך, און יעדע זאך וואס א מענטש גיט אויס זיין געלט, האט א פרייז! ווען מען גייט אויף א "וויקעישאן", האט עס א פרייז; די זעלבע זאך ווען א מענטש איז "אויף א וויקעישאן" - פון נישט טראכטן וואס ס'גייט זיין אין די FUTURE, די זאך האט א פרייז.

די געוואלדיגע פארדינסטן אוועקצולייגן געלט ווי פריער אין לעבן

מענטשן זאגן, "איך האב צייט, איך וועל סעיוון ווען איך וועל זיין עלטער, יעצט בין איך 22, 23, 24, יעצט איז צייט צו 'מאכן א לעבן'". גערעכט. ס'איז טאקע צייט; אבער לאמיר כאפן א ביסל א בליק, דער חילוק פון א מענטש וואס סעיווט פרי, און צווישן א מענטש וואס סעיווט שפעט.

אונז האמיר דא א מציאות פון א אינגערמאן וואס לייגט אוועק $5,000.00. לאמיר עס רופן "טעקס-ריטוירן". א מענטש לייגט אוועק פינף-טויזנט דאללער פאר זיין ערשטע דרייצן יאר. (לאמיר זאגן ער וויל זיין ערשטע דרייצן יאר האט ער נישט אזויפיל עקספענסעס, ממילא קען ער אוועקלייגן פינף-טויזענט דאללער), ער לייגט דאס אוועק פאר דרייצן יאר, לאמיר זאגן אז ער מאכט 5 פראצענט אויף זיין געלט, - - אויב איר באמערקט, זעט איר אז איך גיי נישט מיט קיין פאנטאזיעס - איך לייג נישט קיין אכט, צען, פופצן, צוואנציג, דרייסיג פראצענט - סתם "5 פראצענט". הגם היינט אין א באנק קוקט 5 פראצענט אויך אויס ווי א חלום, אבער בדרך כלל איז עס א נאמבער וואס ווערט גערעכנט ווי שיינע און גוטע קאנסערוואטיווע נאמבער.

איך גיי נישט יעצט אריין וויפיל געלט דער מענטש האט: דא שטייט $92,000 דאללער. אבער וואס איך וויל ענק ווייזן, איז, וואס "צייט" טוט מיט דעם מענטש. לאמיר געבן א קוק ווען א מענטש טוט אזא זאך, פאר פופציג יאר. - אז במשך די ערשטע דרייצן יאר לייגט ער אריין דאס געלט, אבער ער לאזט דאס ליגן - פאר א משך פון פופציג יאר - אין א פלאץ וואו ער באקומט "פינף-פראצענט קאמפּאונד אינטערעסט". יעצט האלט ער ביי $500,650.00!

אבער די נאמבער איז נישט-רעלעוואנט; וואס איך וויל ענק ווייזן איז די אנדערע זייט פון די מטבע. די אנדערע זייט פון די מטבע איז, אז מיר האבן א מענטש וואס ער האט זיך די ערשטע דרייצן יאר פון זיין לעבן גענומען דעם חשבון ווי מיר האבן פריער דערמאנט, אז יעצט איז נישט די צייט צו סעיוון געלט, ער איז יעצט "נאך אינגא אין די כוחות", ממילא דארף מען זיך אביסל לאזן וואוילגיין... ממילא האט ער אנגעהויבן ערשט ביי די דרייצענטע יאר אוועקלייגן געלט, פינף טויזנט דאללער, אבער ער לייגט אוועק פון די דרייצענטע יאר, ביז די פופציגסטע יאר. דאס הייסט אז פאר א משך פון זיבן-און-דרייסיג יאר לייגט ער אוועק פינף-טויזענט דאללער. - איך מיין אז איך וועל פרעגן דא דעם עולם, ווער ס'האט מער געלט נאך פופציג יאר? - איך מיין אז איך וועל פרעגן דעם עולם, און אזוי זע איך עס ביי מיינע קליענטן, וואס ענטפערן, און שטעלן זיך פאר, אז ווען דער ערשטער לייגט אוועק פאר דרייצן יאר, און דער צווייטער פאר זיבן-און-דרייסיג יאר, איז נישט קיין מציאות אז דער ערשטער זאל האבן מער געלט... אבער ס'איז נישט אזוי!!... לאמיר זיך אליינס איבערצייגן: נאך פופציג יאר גלייכן זיי זיך אויס! (אייגנטליך מיט הונדערט דאללער ווייניגער...). דער ערשטער האט אריינגעלייגט דרייצן יאר, און דער צווייטער האט אריינגעלייגט 37 יאר. דער ערשטער האט געלאזט זיין געלט טוען זיין דזשאב, אבער דער צווייטער האט געהאלטן אין איין צוגיסן און צוגיסן צו די קאסע, און ער קען אים נאך אלץ נישט נאכלויפן... ווי העכער מיר וועלן מאכן דעם Rate of Return, אלס ערגער גייט דער צווייטער זיין - אז איך וועל דאס מאכן אין 8 פראצענט Rate of Return - איך וויל נישט באלעסטיגן דעם עולם מיט חשבונות, און ווער ס'וויל וועל איך קענען שפעטער ווייזן - וועט דער צווייטער האלטן ביי איין מיליאן דאללער, און דער ערשטער ביי צוויי מיליאן דאללער. ס'איז א מעידזשער מעידזשער דיפערענטס, יעדעס יאר פריער וואס א מענטש הייבט אָן אוועקצולייגן געלט, גייט דאס געלט ארבייטן פאר אים! ס'איז א פשוט'ער חשבון, די עקספענסעס פון די מענטשן ווערן גרעסער, נישט קלענער; די ערשטע פּאָר יאר איז די צייט אוועקצולייגן, אז מען קען שפעטער, איז הכל ריוח, אבער דאס געלט פון די ערשטע יארען ארבייט פאר דיר.

> "דער ערשטער האט געלאזט זיין געלט טוען זיין דזשאב, אבער דער צווייטער האט געהאלטן אין איין צוגיסן און צוגיסן צו די קאסע, און ער קען אים נאך אלץ נישט נאכלויפן..."

דיסקוסירט אנליין

גוטע פארט טיים פרנסה געלעגנהייט, ארבעט פונדערהיים
מאן אדער פרוי געזוכט צו ברענגען אדווערטייזערס פאר א גוט גייענדיגע פובליקאציע, **גאר גוטע קאמישען באצאלט.**
שיקט אן אימעיל מיט פרטים צו משה:
MOSHEG2001@AOL.COM

הצלחה ביי די ארבעט.
צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן

צו באקומען אפדעיטס איבער בעל-בית אדווערטייזמענט ספעשלס שרייבט אייך אויף צו די ספעציעלע בעל בית אדווערטייזער באריכט.
שיקט צו
newsletter@balboos.com

J. Weinberger
ARCHITECTURAL TEAM
INTERIOR DESIGN SOLUTIONS
718.855.5702
718.865.0645
info@archteamonline.com
וואו איז דא פלאץ פארן נייעם ארבייטער?